בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' במדבר | י"ט אייר | תשע"א | פסחים: כ"ח.

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג איז מרן רבינו שליט"א אנגעקומען אויף וויליאמסבורג ארום 7:30 ווי דער רבי שליט"א האט מסדר קידושין געווען ביי די חופה פון המחותנים הנגיד מוה"ר וואלף פילאפף הי"ו מיט מוה"ר אהרן דוד שמואל מיטעלמאן הי"ו.

דאן איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צום שלחן הטהור לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי.

נאך וואס דער רבי שליט"א האט זיך געוואשן צו די סעודה האט המשמש מוה"ר יואל קויפמאן הי"ו פארקויפט די זכותים אנצוצינדן די נרות לע"נ התנא האלוקי רשב"י, די ערשטע ליכטל איז געקויפט געווארן פאר הרבני החסיד מוה"ר הערשל שווארץ הי"ו, און די צווייטע ליכטל איז פארקויפט געווארן פאר הרה"ח מוה"ר אליעזר פרענקל הי"ו.

גאהר א געהויבענעם טיש האט מרן רבינו שליט"א געפראוועט ווען אינצווישן ווערן געזינגען די הייליגע זמירות לל"ג בעומר און נאך ניגוני דבקות והתעוררות און ווי אויך ניגוני שמחה.

אויף די לענג פוןביידע זייטן פון ביהמ"ד איז אויסגעשטעלט די פיל שטאקיגע פארענטשע'ס פאר די הונדערטער בחורי חמד תלמידי הישיבות קטנות פון וויליאמסבורג.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שליט"א מאריך געווען בדרוש און דערנאך בדברי מוסר והתעוררות לתורה הק' אז דער הייליגע תנא בעל ההילולא האט דאך געזאגט "קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד הוא" ממילא דארף מען זיך מער אנגארטלען אויף לימוד התורה.

אויך האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכתו בקודש אז דער גרויסער בעל ההילולא דער הייליגער תנא זאל משפיע זיין אלעס וואס פעהלט פאר אידישע קינדער.

מרן רבינו שליט"א האט געבענטשט ביי דעם טיש.

נאכ'ן טיש האט דער רבי שליט"א מבקר חולה געווען הרה"ח מוה"ר שלמה יוסף בן איגא וואלדמאן לרפו"ש אין די בית ישראל שפיטאל.

אנ"ש ווערן געבעטן ווייטער ממשיך צו זיין בתפילה ולימוד התורה לרפואתו המהירה והשלימה.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ד', ווי דער רבי שליט,א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר שלמה בריסק הי"ו פון וויליאמסבורג חבר ועד הנהלת הישיב"ג – שיעור ד'.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מנלי' בראך הי"ו פון קרית יואל, און דערנאך די ברית לבן הנולד לר' חיים יעקב הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די הילולא פון הרה"ק ר' מענדל מ'רימנוב זי"ע ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש, און געזאגט אז ס'איז די יארצייט פון רבי ר' מענדעלע מרימנוב וואס האט פארלייגט כוחות בעניני לבוש מגביר צו זיין ימין על שמאל, ימין איז רחמים, האט דער רבי אנגעוואונטשן אז זכותו יגן עלינו מעורר זיין רחמים פאר יעדן געהאלפן צו ווערן מיט וואס מען דארף.

מיטאג צייט איז דער רבי שליט"א געווען ביים ברית לבן הנולד לר' אברהם שמואל שווארץ הי"ו שו"ב ביים אים אין שטוב.

## אנ"ש תושבי לאנדאן:
## התעוררי התעוררי כי בא אור"ח

מיט גרויס כבוד גרייטן זיך אנ"ש אין לאנדאן מקבל פנים צו זיין הגאון האדיר דומ"ץ ק"ק קרית יואל שליט"א, וועלכער קומט אן דעם מיטוואך צוגאסט אין דער שטאט, בשליחות קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, אין צוזאמענהאנג מיט די יערליכע מגבית לטובת די ישיבה גדולה ד'סאטמאר.

אינאיינעם מיט'ן דיין שליט"א קומט צו פארן א חשוב'ע דעלעגאציע פון חברי הנהלה ועסקני הישיבה גדולה, ה"ה הרבני הנכבד המפואר מוה"ר דוד שמואל גאלדבערגער הי"ו יו"ר הנהלת הישיבה, ואתו עמו הרה"ח ר' מאיר סאקס הי"ו מנכ"ל פון די ישיבה אפיס אין וויליאמסבורג, און הרה"ח ר' חיים שלמה קרויס הי"ו מנכ"ל פון די ישיבה אפיס אין קרית יואל, וועלכע ווען אין לויף פון די אקציע אנקלאפן על פתחי נדיבים בעם צוזאמען מיט די ארטיגע חברי הנהלת הישיבה.

א ברייטע שטאב עסקנים צווישן אנ"ש אין לאנדאן זענען איינגעשפאנט אין די העפטיגע בעפארברייטונגען, צוצוגרייטן דעם באזוך פונעם דיין שליט"א עצהי"ט, ובפרט אויפצוארבעטן דעם חשוב'ן ציבור אנ"ש צו קומען מחזק זיין די הייליגע ישיבה, דער גולת הכותרת פון מלכות סאטמאר, צו וועלכן יעדער איד מאנ"ש פון איבער די וועלט שפירט א שטארקע התקשרות.

ווי אין די פארגאנגענע יארן גרייט מען זיך אויף גאר א דערהויבענעם שבת קודש "מברכים סיון" במחיצתו פון הגה"צ הדומ"ץ שליט"א, וועלכער וועט אי"ה דאווענען אין גרויסן ביהמ"ד און פארלערנען א שיעור אין פרקי אבות שבת נאכמיטאג, ביי וועלכן עס איז ערווארטעט א גרויסער ציבור אנ"ש, ווי אויך א ברייטער ציבור פון איבער די שטאט.

דער הויכפונקט וועט זיין די צענטראלע מסיבה, וואס וועט אפגעראכטן ווערן קומענדיגן זונטאג

פרשת נשא הבעל"ט אין שטוב פון הגה"צ רבי שמעי' לעוו שליט"א דומ"ץ דק"ק סאטמאר לאנדאן, בנו יקירו פון הטפסר המרומם ר' ישעי' זאב לעוו הי"ו ראה"ק דק"ק סאטמאר לאנדאן, וועלכער האט שוין דעם כבוד די לעצטערע יארן צו מאכן זיין שטוב אלס אכסניא של תורה לכבוד הישיבה הק' ולכבוד האורח הגדול שליט"א.

מער פרטים איבער דעם געהויבענעם באזוך וועט אי"ה נאכפאלגן.

## אקציע אין אנטווערפן לטובת כולל למצויינים ויואל משה אין ירושלים עיה"ק

אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר תושבי אנטווערפן יצ"ו, נעמען אויף אין די טעג מיטן פאסיגן כבוד די שלוחי דרחמנא פונעם כולל למצויינים "ויואל משה" ד'סאטמאר בעיה"ק ירושלים תובב"א, וועלכע זענען אנגעקומען אין די טעג אדורכצופיהרן די יערליכע אקציע להחזקת הכולל, אין וועלכן עס לערנען קרוב צו אכציג יונגעלייט בליעה"ר מיקירי ירושלים.

עס איז צו האפן אז דער ציבור וועט זיך ווארעם אנרופן צו די אקציע, און שטיצן די אחינו לדעה אין ארה"ק מיט א ברייטע האנט.

***-אלקא דמאיר עננו-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.